• מאיר קאפלאן

# פון שייטל ביז צום שטריימל

אין דער געשיכטע פונעם תורה אידנטום האט זעלטן א פראבלעם ארומגענומען אזעלכע ברייטע מאסן און פון אלע קרייזן אויף אזא גלאבאלן פארנעם ווי דאס וואס מיר האבן גאר לעצטנס מיטגעלעבט מיט די פרשה פון די "היומען העיר" שייטלעך. ס'איז נישט די ערשטע (און ביז משיח וועט נישט קומען, ווארשיינליך אויך נישט די לעצטע) פראגע וואס איז ארויפגעשווימען אויפן סדר היום פונעם יהדות החרדית. אידן ביי וועמען די תורה איז נר לרגלם ואור לנתיבתם האבן וואס אן אמת במשך אלע דורות, און דוקא זייער אפט, געהאט פיל פארשידענארטיגע פראבלעמען, גרעסערע און קלענערע, וואס האבן געווארט געלעזט צו ווערן ברוח התורה לויט די מאסגעבענדע מיינונג פון די גדולי ישראל וחכמי התורה שבכל דור ודור.

די איבערוועגענדע מערהייט פון די צאללאזע שאלות און פראבלעמען וועלכע האבן באשעפטיגט דאס תורה־טרייע אידנטום זענען אבער כמעט אלע געווען פון מער א לאקאלן כאראקטער. אדער איז עס געווען נוגע פאר בלויז א געוויסן לאנד אדער שטאט, צי אמאל פאר בלויז א געוויסע געגענט, און טיילמאל איז עס געווען באגרעניצט צו א קרייז אדער עטליכע קרייזן וועלכע האבן זיך געפירט לויט עפעס א געמיינזאמע מסורה אדער מנהג. זייער זעלטן זענען די פראבלעמען געווען פון אזא ברייטן מאסשטאב וואס זאלן איינשליסן אלע ערליכע ארטאדאקסישע אידן פון אלע לענדער און קאנטינענטן פון אלע קרייזן און פון אלע עדות און נוסחאות, ווי עס האט אנגערירט דער "שייטל סקאנדאל" יעדע אידישע פרוי, און במילא אויך משפחה אשר יראת ד' נוגע בלבבם, בכל מקומות שהם.

דער שייטל פראבלעם איז אבער אייגנארטיג נישט בלויז מיט איר ברייטן פארנעם דערמיט וואס עס איז, ווי פריער דערמאנט, אן אינטערנאציאנאלער פראבלעם, אפגעזען פון וועלכע ס'איז גרעניצן, נאר איז אויך אייגנארטיג מיט די ערנסטקייט און הארבקייט מיט וואס די פראבלעמאטישע שייטלען זענען פארבינדן. ווי יעדער ווייסט דאך שוין, האנדלט זיך עס דא פון די הארבסטע איסורים פון דער תורה און רירט אן פון די שווערסטע עבירות אויף וואס מען איז זיך מחויב אזש מוסר נפש צו זיין. עבודה זרה, איז דאך דער סאמע וויכטיגסטער און פונדאמענטאלסטער יסוד פון אונזער הייליגע אמונה: אנכי ולא יהיי לך מפי הגבורה שמענום.

האבן אידן ווידעראמאל ארויסגעוויזן ווער זיי זענען באמת. די מאסן נשים צדקניות וועלכע האבן דערהערט אין וואס פארא הארבן ענין דא גייט, ממש אין די יסודי ועיקרי הדת, האבן ארויסגעוויזן — יעדער לויט איר שטייגער — א באגייסטערונגס־ווערטפולע העלדישקייט, א וואונדערבארע און איינדרוקספולע מאניפעסטאציע פון א זעלטענעם קידוש שם שמים ברבים מיט'ן דערהויבן זיך און ביישטיין — נישט קיין קליינעם נסיון — פון "ואל יבוש מפני המלעיגים עליו (עליי)".

ווען עס האנדלט זיך פון אזא ערנסטן חשש, פון בלויז א ספק תקרובת עבודה זרה, האבן אידישע ווייבער אן קיינע קווענקעלנישן, אן קיין צעגערונג, נאר מיט שמחה און גאוה דקדושה, שנעל מקיים געווען דעם אלטן באפעל פון יעקב אבינו וועלכער האט אויך בשעתו איסגערופן צו זיין כלל ישראל: הסירו את אלהי הנכר אשר בתוככם והחליפו שמלותיכם. ווידעראמאל איז באשטעטיגט געווארן אז אידן, אפי' אין אונזער שפלות פון די ירידת הדורות, זענען נאך אלץ דער "עם סגולה", דער "עם קדוש", ווייל ישראל קדושים הם, בטבעם ובמהותם, מיט זייער נאטור און מיט זייער גאנצן וועזן.

לויט ווי די רבנים און ערליכע עסקנים געבן איבער, האט זיך ווידער באשיינפערליך ארויסגעשטעלט דער אור אלטער און אייביג־אמתיער כלל, "מי כעמך ישראל". דאס זענען מיר געווען און דאס זענען מיר נאך היינט, און אזוי וועלן מיר פארבלייבן אויף אייביג, ווייל אונזער נצחיות אלס פאלק און אלס פאלק פון מאמינים בני מאמינים צוליב אונזער הייליגקייט, איז געקניפט און געבינדן מיט די נצחיות פון הקב"ה, און די תורה. קוב"ה ואורייתא וישראל חד היא.

אז די פרויען האבן דערהערט **זייער** רוף און ארויסגעוויזן שטאנדהאפטיגקייט מיט זייערע נאבעלע מעשים, פרעגט זיך ווי פון זיך אליין: וואס קענען מיר, מענער, זיך עפעס אפלערנען פון דעם גאנצן שייטל, סינטעטיש, היומען העיר, עבודה זרה, אינדיע, וכו', געשיכטע? ליגט אפשר באהאלטן אין דעם גאנצן לבוש עסק אויך עפעס וואס איז נוגע, אפי' אומדירעקט, נישט בלויז פאר די עזרת נשים נאר אויך פאר די טייל אידן פון די מענער שול? וואס פארא "דערהער" און אנדייטונג קענען מיר ארויסנעמען פון דעם גרויסן און הייליגן התעוררות וואס איז אנטשטאנען ביי מאסן פון כלל ישראל?

מיר האלטן זיך ווייט פון קאמפעטענט צו קענען געבן אויף אזא פאראנטווארטליכע פראגע א זיכערן און קלארן ענטפער. מיר נעמען זיך, אבער, די ערלויבעניש ארויסצוזאגן אונזער מיינונג אלס מעגליכקייט, בבחי' "בדרך אפשר", וואס דער שייטל עפיזאד דערמאנט און מאנט פון אונז.

ווי יעדע זאך פון דער וועלט, אריינגערעכנט א חפץ של מצוה אדער א דבר שבקדושה, קען מען אויסנוצן לטב או למוטב, צום גוטן אדער חלילה צום פארקערטן. אפי' ביים מקיים זיין מצות קרבן פסח זאגן אונז אונזערע חז"ל איז פאראן דער ענין פון "וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם". אויב א געוויסע מצוה אדער הייליגער מנהג ווערט נישט געמאכט ווי עס דארף צו זיין — און גענוי וואס דאס באדייט ביי יעדע מצוה, איז א לאנגע סוגיא פאר זיך אליין, אין וועלכן מיר לאזן זיך פארשטענדליך נישט אריין — דאן קען פארוואנדלט ווערן פון א מצוה, ח"ו אן עבירה, א דבר שבקדושה קען ח"ו טראנספארמירט ווערן פאר'ן פארקערטן, און א פארהייליגטער חסידישער לבוש קען פארוואנדעלט ווערן אין אן "אפ טו דעיט" מאדערנע מאדע "יוניפארם".

מיר דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר האבן, ב"ה, זוכה געווען אויפצושטעלן לעגיאנען פון ערליכע און חסידישע דורות וואס שעמען זיך נישט און טראגן מיט שטאלץ און ווירדע זייער גאנצע חסידישע טראגע, וואס ביי מענער איז אין דעם איינגעשלאסן די "קרוין" פון חסידישע קליידונג, דער סימבאל פון חסידישע מלבושי שב"ק ויו"ט, דאס ביי ערליכע אידן באליבטע, און ביי שונאי הדת פארהאסטע, "שטריימל".

מעגן מיר זיך אפשר פון צייט צו צייט פארטראכטן, און א פאסיגע צייט איז מעגליך דוקא איצט, ווען מיר זענען אזוי שטארק נתעורר געווארן איבער א מעגליכן חשש פון "עבודה זרה" ביי אונזער קליידונג, און זיך מתבונן זיין איבער אונזערע אייגענע "חסידישע" מלבושים, אז וויפיל "חסידישקייט" ליגט דערין ווען מיר טוען זיך אן אונזערע עלעגאנטע שב"ק ויו"ט מלבושים מיט'ן מלכות'דיגן שטריימל "בראש". אפשר זאלן, און דארפן, מיר זיך אליין פרעגן, פארוואס טוען מיר אן זיך אליין און פאר אונזערע קינדער די אלע שיינע און טיילמאל אויסגעפוצטע, "חסידישע" בגדים? זענען זיי צוליב זייער "חסידישקייט", צוליב די הייליגע מסורה ביי ערליכע חסידישע אידן, אדער אפשר איז עס בלויז אזא "סטייל" וואס בלויז דער מקור דערפון שטאמט פון חסידישע אידן און חסידישע מקורות, און האט אפשר היינט, למעשה, ביי מאנכע, אזא שייכות צו חסידות ווי דאס שטריימל האט א שייכות צו "יומען העיר".

אין אונזער "שטריימל קולטור" תקופה, ווען ביי א טייל — מעגליך א קליינע — פון אירע טראגער איז עס געווארן אזא מין "מאדע", פארלאנגט זיך אפשר פון אונז א זעלבסט־אונטערזוכונג אז אפשר גייען מיר מיט אונזערע שטריימליך און חסידישע לבושים נאר אזוי ווי "חסידות אנשים מלומדה". אפשר איז אונזער חסידות מער "סינטעטיש" ווי דאס איז אריגינעל, אפשר טראגן מיר נישט דעם שטריימל ווייל דאס איז "חסידיש" נאר דוקא ווייל מיר ווילן געפעלן און אויסנעמען ביי א דור וואס האט זיך אויסגעלערנט אז א שטריימל און בעקיטשע קענען גיין זייער באקוועם האנט־ביי־האנט מיט מאדערניזם. צו גיין מיט א לבוש, אפי' א חסידישן, בלויז כדי צו געפעלן פאר יענעם, פארדינט נאכנישט דעם טיטול "חסיד".

עס איז קלאר אז פאר די איבערוועגענדע מערהייט פון די שטריימליך אידן וועלכע זענען באמת חסידישע טייערע אידן אין הארצן ווי אין זייער לבוש, זענען אונזערע ווערטער ווארשיינליך נישט אקטועל, אבער דאך האבן מיר געהאלטן פאר ריכטיג אויסצולופטערן די דערמאנטע געדאנקען, ווייל מיר גלויבן אז עס שאדט נישט פאר קיינעם זיך צו מאכן, צווישן אנדערע זאכן, א חשבון הנפש אויך איבער אונזערע גלאנציגע, אויסגעביגעלטע "גלאטע" שטריימליך.

לאמיר פארשטיין, און פון די שייטליך פרשה ווערן ערוועקט, אז אפי' א סינטעטיש שטריימל, און אפי' ווען דאס איז הונדערט פראצענט "גלאט" און גראד, איז עס נישט אלעמאל "גלאט כשר" און אודאי איז עס נישט אלעמאל "חסידיש". עס ווענדט זיך וואס עס געפינט זיך אונטער'ן שטריימל...□